

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**

**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

אמור
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"ו

## פראגע

**ווען עס קומט צו א שותפות ישׂשכר וזבולון, וואו איינער לערנט און דער אנדערער האלט אים אויס מיט געלט, צי באקומט דער ישׂשכר מער שכר ווי דער וואס גיבט די געלט?**

## ענטפער:

איך גיי מיך נישט אונטערנעמען עס צו ענטפערן. אבער וועלכע פון די צוויי איר זאלט אויסוועלן צו טון, דאס וועל איך יא זאגן – עס איז גרינג פאר מיר צו זאגן. זייט דער מענטש וואס לערנט. דאס קען איך אייך זאגן. וועל קיינמאל נישט דירעקט אויס צו זיין דער מענטש וואס פינאנצירט א צווייטן צו לערנען.

טראצדעם וואס איר קענט ארויסגיין און מאכן אסאך געלט און שטיצן ישיבות, און איר וועט באקומען עולם הבא דערפאר – א גרויסע עולם הבא – אבער אויב איר קלויבט אויס זיך אליינס אראפצוזעצן און לערנען אין די זייטיגע צייטן, חוץ די צייט וואס איר ברענגט פרנסה פאר אייער משפחה – מען דארף אויסהאלטן די משפחה; איך האלט נישט פון נישט ברענגען פרנסה פאר די משפחה. אבער אויב איר ברענגט פרנסה און אין אלע אייערע איבריגע צייט זיצט איר און לערנט, דער איז דער ריכטיגער חכם. ‎#846

## פראגע

**וואס איז פשט פון די ברכה "שלא עשני אשה"?**

## ענטפער:

דער פאקט איז אז מענער האבן מער מצוות ווי פרויען. א פרוי איז ווי די "כהן גדול" פון די הויז; זי איז פארנומען אגאנצן טאג אינדערהיים. דער אויבערשטער האט איר געגעבן אן אויפגאבע וואס האלט איר אזוי פארנומען אז מ'קען איר נישט אראפבינדן צו סקעדזשועלס. מצוות עשה שהזמן גרמא – זענען מצוות וואס פארלאנגט זיך צוצושטעלן צו באשטימטע צייטן. מ'קען נישט זאגן פאר פרויען צו טון מצוות וואס איז געוואנדן אין צייט. דא דארף מען אנטון תפילין און די בעביס ווייננ – מ'קען נישטו! יעדע מצוה וואס איז געוואנדן אין צייט – איז זי פטור.

א מאן אבער איז נישט אזוי אראפגעבינדן צו די הויז. א מאן געבוירט נישט קיין קינדער, און א מאן דארף נישט געבן צו עסן פאר בעביס, און אזוי ווייטער. א מאן איז מער פריי און קען טון מער זאכן, און דערפאר האט השי"ת ארויפגעלייגט אויף אים מער אויפגאבעס. און דערפאר מאכט ער א ברכה יעדן אינדערפרי אז ער איז אויסגעוועלט געווארן פאר די ראלע פון צו טון מער מצוות.

עס איז אבער וויכטיג צו פארשטיין אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי א מאן אליינס. יעדער מאן באלאנגט צו א געוויסע איינהייט. און אין זיין משפחה-איינהייט גייט יעדע מצוה וואס ער טוט צו די משפחה. די גמרא זאגט, אויב א מאן לערנט תורה, אויב זיין ווייב שטיצט אים, זי איז אים מחזק, באקומט צו א פולע שותפות אין די תורה. אלע גוטע זאכן וואס ער לערנט גייט אויפ'ן חשבון פון די משפחה, און אלע מצוות וואס ער טוט; ס'איז א משפחה פאראייניגונג.

וועגן דעם שטייט (משלי, כ' ז'): "מתהלך בתומו צדיק" – א צדיק גייט מיט ערליכקייט, "אשרי בניו אחריו" – וואויל איז פאר די קינדער נאך אים. די קינדער באקומען אויך שכר פאר די טאטע'ס מעשים טובים. שטעלט זיך די פראגע: און וואס טוט זיך מיט די ווייב? נאר די קינדער ווערן דערמאנט?

עס שטייט "זכור את יום השבת לקדשו", און עס ווערט דערמאנט אין פסוק "אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך" – דיין זון, דיין טאכטער, דיין קנעכט, א.א.וו. וואס טוט זיך מיט דיין ווייב? דער ענטפער איז, דיין ווייב איז נישט דערמאנט ווייל דאס ביזטו! א מאן און ווייב זענען איין ארגאניזאציע! וועגן דעם ווערט עס נישט דערמאנט. אלעס וואס ער טוט גייט זיין געטרייע ווייב

באקומען א פולע שותפות. ס'איז אלעס איינס, אשתו כגופו.

במילא טראצדעם וואס ער מאכט א ברכה "שלא עשני אשה", איז עס ווייל ער האט די פריווילעגיע פון אליינס אנטון תפילין, אדער טראגן ציצית, און אזוי ווייטער. אבער די פרוי דארף פארשטיין אז סיי–וואס זי טוט צו מחזק זיין די תורה אין איר הויז, מיינט עס אז זי איז א פולע שותף.

## פראגע

**פארוואס איז די נאז פון א מענטש פלאצירט האַרט העכער די מויל? איז עס נישט קיין פראבלעם אז ווען דער מענטש סניזט ווארפט ער ארויס באצילן ממש נעבן די מויל?**

## ענטפער:

לאמיר זיך פארשטעלן אז די נאז וואלט געווען ערגעצוואו אויף די בויך. יעצט אין די ווינטער ווען ס'איז קאלט און מ'דארף זיך ארומנעמען מיט א דעקע, וואלט מען זיך דערשטיקט. ווען דעם האט מען א שנארקעל, א פייף וואס שטעקט זיך ארויס פון אויבן – דאס איז די נאז, און אזוי קען מען לעבן, נאר אזוי קען מען אטעמען אין די ווינטער.

דער אויבערשטער האט געלייגט די נאז אויף **די סאמע בעסטע פלאץ!** נישט נאר העלפט עס האלטן די ברילן אין פלאץ; אז נישט וואלט עס אראפגעפאלן. דאס מיינט א חָרָם. א חרים איז איינער וואס זיין נאז שטעקט זיך נישט ארויס. דאס איז איינס פון די מומים וואס פסל'ט א כהן פון טון די עבודה (בפרשתן). מיר האבן א בריק אויף די נאז. ס'איז געוואלדיג צו האבן א נאז דא צו האלטן די ברילן. אבער דאס איז נישט די עיקר סיבה.

ס'איז זייער וויכטיג צו האבן די נאז פונקט דא. די נאז, דארפט איר וויסן, איז **א שומר**, א וועכטער. אין די גרויסע מלחמה-אינדוסטריעס אדער אין פלעצער וואו מ'האלט מלחמה סודות האבן זיי וועכטער אינדרויסן וואס קוקן דורך דיינע פאפירן בעפאר זיי לאזן דיר אריין אין דעם פלאץ. די נאז איז א וועכטער. בעפאר עפעס איז ערלויבט אריינצוגיין אין דיין מויל, גיבט עס די נאז א שמעק. די נאז באקוקט עס, "איז עס פארדארבן? עס שמעקט שלעכט? עס עס נישט!" די נאזווארנט דיר – אויב שפירט ער א שלעכטע גערוך לאזט ער עס נישט אריין. ווען דעם איז די נאז פלאצירט ממש העכער די מויל צו שטיין על המשמר און צוריקהאלטן סיי–וועלכע שלעכטע זאך פון אריינגיין אין מויל.

ס'איז דא טויזנט אנדערע סיבות פארוואס די נאז איז דא, אבער דאס איז גענוג. (960)

## פראגע

**וואס איז דער פראבלעם מיט'ן קוקן אויף א רשע? ווי ס'שטייט "אסור להסתכל בצלם דמות אדם רשע" - אז מ'טאר נישט קוקן אויפ'ן פנים פון א רשע?** (מגילה כ"ח ע"א)

## ענטפער:

אויב מען קוקט אויף א רשע ווערט מען א רשע. און איך וועל אייך זאגן פארוואס. מיר ווערן מושפע פון מענטשן. די פנים פון א רשע איז א "סקרין". ס'איז ווי א שפיגל. און זיין נשמה שפיגלט זיך אפ אויף דעם סקרין. זיין רשעות איז אויף זיין פנים.

עס קען זיין אז איר באמערקט עס נישט, איר זעט נישט אז עס האט א השפעה, אבער די רשעות איז אויף זיין פנים. און ווען מען קוקט אויף זיין פנים האט עס אן איינדרוק אויף אייער נשמה. וואס א מענטש זעט האט אן איינדרוק אויף זיין נשמה. דאס איז זייער א וויכטיגער כלל. **אלעס וואס א מענטש זעט האט אן אפעקט אויף אים.** דעריבער זייט נישט מסתכל אויף א רשע. קוקט נישט אויפ'ן פנים פון שלעכטע מענטשן. און קוקט נישט אויף מענטשן וואס טוען שלעכטע זאכן. ווי ווייט מעגליך, פארמיידט אייער נשמה פון באקומען שלעכטע ציורים.

און איך וויל אייך זאגן נאך עפעס - נאך א סיבה. דער אויבערשטער האט נישט ליב קיין רשעים. א רשע איז פארנומען צו קאליע מאכן זיין אייגענע ציל אין לעבן און אויך צו רואינירן אנדערע. און דער אויבערשטער עקלט זיך דערפון. יעצט, ווען איינער גרוילט זיך פון א צוויטן, אויב דו עקלסט דיך עכט פון איינעם, קענסטו נישט קוקן אויף אים. און דער אויבערשטער וויל נישט קוקן אויף קיין רשעים. אויב דו גייסט אין די וועגן פון השי"ת, וועט דיר אויך גרוילן די רשעים און זייער אויפפירונג. דו ווילסט אפילו נישט קוקן אויף אים. דו ווילסט נישט קוקן אויף זיין צורה. און ווען דעם קוקן מיר נישט אויף די צורה פון א רשע. מיר געוואוינען זיך צו זיך צו עקלען פון די וועלכע פארעקלען השי"ת. (TAPE # E-220)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:
**מערכת להתענג 845-662-2782**
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**